STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11109

HOYKHE BREYTN

N. N. Zubov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּראָפעסאָר זובאָוו

הויכע ברייטן

ייִדיש — וו. לאנדאו

№ 7 (28)

ביבליאָטעק „זײַ גרייט"
אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літопису Українського Друку“, „Картковому репертуарі“ та інших покажчиках Української Книжкової Палати.

אוקר. פ. ק. פ. ט.
א.טע רעפובליקאנישע פאבריק
כארקאָוו, טשערוואָני ריאדי 28 25.

באפולמעכט. פרג הויפטליט 951/28
באשט. 480. טיראזש 6000.
1936

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר — מ. רוזין
טעכנפירער לאָוורענטיעוו
קאָרעקטאָר ל. הילער

פאפיר 62x94—1/32—38 קג.
1½ דרוק-בויגן, 7000 דרוק-צייכנס.
אָפּגעגעבן אין זאַץ—26/III
אונטערגעשריבן צום דרוק—5/V

צוליב וואָס פאָרשט מענ דעמ צאָפנ?

יעדעס יאָר ווערנ אפנ ווײַטנ צאָפנ פונ אונדזער פארבאנד געשיקט עקספעדיציעס. אינ די עקספעדיציעס נעמענ אָנטייל געלערנטע, יאמ־לײַט, לופט־פליִער, דאָקטוירימ. אפנ צאָפנ ווערנ אוועקגעשטעלט ראדיאָ־סטאנציעס, מע בויט קולט־באזעס, פאָרטנ, פיל בלײַבנ דאָרט איבערווינטערנ אונ ווינענ דאָרט א יאָר, צוויי אונ טיילמאָל מערער.

צוליב וואָס טוט מענ דאָס אלצ?

וואָס קאָנ מענ טאָנ אפנ צאָפנ, ווו די ערד איז געפרוירנ דורכ אונ דורכ, ווו א גאנצנ ווינטער הערשט א דורכויסיקע פאָליאר־נאכט, עס בלאָזנ קאלטע ווינטנ אונ עס הערשנ שרעקלעכע פרעסט?

עפשער לוינט גאָרניט זיכ צו לאָזנ אהינ?

ניינ, עס לוינט יאָ. עס לוינט שוינ דאפקע זייער שטארק: אפנ צאָפנ זײַנענ פאראנ ריזיקע רײַכטימער, וואָס קיינער האָט זיכ נאָכ צו זיי ניט צוגערירט. דאָרט איז פאראנ אי קוילנ, אי גאָלד, אי רויוואַרג. דאָרט איז פאראנ אי פיש, אי יאמ־כײַעס, אי וועלדער אונ אפילע

די ערד גופע אפנ צאָפנ איז שוינ אויכ גאָרניט אזא אומפרוכטבארע. אפנ צאָפנ זײַנענ פאראנ אזעלכע ערטער, ווו מע קאָנ פאשענ הירשנ אונ אפילע פארפלאנצנ גערטנער; מע דארפ בלויז גוט דערלערנענ, וואָס דער צאָפנ קאָנ אונדז געבנ, מע דארפ אלצ ווי עס געהער צו זײַנ אויספאָרשנ.

אונ דאָס סאמע וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס אפנ צאָפנ וווינענ מענטשנ. עס איז זיי ניט גרינג צו לעבנ דאָרט אונ דעריבער דארפ מענ זיי העלפנ, מע דארפ זיי אויסלערנענ קעמפנ קעגנ דער שטרענגער נאטור, קעגנ קראנקייטנ, קעגנ קעלט.

אָט וויפל ארבעט עס שטייט פאָר אפנ צאָפנ!

אונ קעדיי דורכצופירנ אָט די אלע ארבעטנ, דארפ מענ, פריִער פאר אלצ, דורכלייגנ א וועג צומ צאָפנ.

ווי אזוי קאָנ מענ דאָס טאָנ?

מע קאָנ אויסבויענ אײַזנבאנ-ליניעס. אפנ עקסטנ צאָפנ איז אָבער זייער שווער צו בויענ אײַזנבאנ-ליניעס. מע וואָלט זיי געדארפט אויסלייגנ איבער די טונדרעס, איבער בלאָטיקע ערטער. די רעלסנ וואָלט אויסגעקומענ צו לייגנ אפ אייביק-געפרוירענעמ באָדנ, ווו עס איז שווער צו דערקענענ, וואָס איז דאָרט מערער: אײַז אָדער ערד. די ארבעט וואָלט דערצו געדויערט זייער לאנג. הייסט עס, אז מיט אײַזנבאנענ קאָנ מענ נאָכ דערווײַל ניט לייזנ די פראגע.

מע קאָנ אפּנ צאָפּנ אָנווענדנ אוויִאַציע.

נאָר אויכ די אוויִאַציע וועט איצט ניט קאָנענ פֿול־שטענדיק לייזנ די פֿראַגע וועגנ טראַנספּאָרט. אינ א יאָר צענ ארום אָדער אביסל וויייניקער וועט מענ עפּ־שער קאָנענ אפּ אעראָפּלאַנענ אריבערפֿירנ אהינ פֿראַכט, נאָר דערוויַיל וואָלט עס אָפּגעקאָסט זייער טיַיער. איצט קאָנ מענ אפּ אעראָפּלאַנענ אריבערפֿירנ פּאַסאַזשירנ, פּאָטשט אונ באַזונדערס ווערטפֿולנ פֿראַכט: טיַיערנ רוי־וואַרג, גאָלד. אריבערפֿירנ אָבער אפּ אעראָפּלאַנענ ארצ, נאַפֿט, זאַלצ דאָס איז קימאַט אוממעגלעכ. הייסט עס, אז אויכ די אוויִאַציע טויג דערוויַיל ניט צוליב אזעלכע צוועקנ.

בליַיבט בלויז דער וואַסער־טראַנספּאָרט, אריבערפֿירנ פֿראַכט אפּ שיפֿנ. דאָס דאָזיקע מיטל איז אומעטומ אונ שטענדיק געווענ דאָס ביליקסטע, אונ דאָ, אפּנ צאָפּנ, איז עס דערוויַיל דאָס איינציקסטע מיטל.

דערפֿאַר איז אפּנ צאָפּנ וויכטיקער פֿאַר אלצ דער וואַסער־טראַנספּאָרט.

אונ אז דער דאָזיקער טראַנספּאָרט וועט איַינגעאָרדנט ווערנ, וועט שוינ אלעס איבעריקע אָנקומענ פֿיל לייַכטער.

מע דאַרפֿ דערלערנענ דעמ סוינע

דער יאַמ־טראַנספּאָרט אפּנ צאָפּנ האָט אָבער א גע־פֿערלעכנ סוינע. דער דאָזיקער סוינע איז דאָס איַיז.

קעדיי דורכצולייגן א יאם־וועג לענגויס די צאָפן־ברעגן פון אונדזער פארבאנד, דארף מען זיך אויסלערנען קעמפן מיטן איַיז און עס בײַקומען, און קעדיי בײַצו־קומען דעם סוינע, דארף מען אים דערלערנען. אָן דעם איז אומעגלעך צו זיגן.

דערווײַל וויסן מיר נאָך זייער שלעכט דאָס יאם־אײַז.

אין צאָפנדיקן אײַז־אָקעאן איז אונדז גוט באוווּסט בלויז דער שמאָלער פאס באם ברעג. אונדזערע שיפן שווימען לענגויס אָט דעם פאס. ווען זיי שווימען אפ מיזרעך, געפינען זיך רעכטס פון זיי די סיבירער ברעגן. זיי קענען מיר גוט. לינקס געפינט זיך דער צאָפנדיקער אײַז־אָקעאן, וועלכן מיר קענען שלעכט. ווען די שיפן שווימען פון מיזרעך אפ מײַרעוו, האָבן זיי פון לינקס די סיבירער ברעגן, פון רעכטס — די זעלביקע אומבא־וווסטקײַט, און די גאנצע צײַט דראָעט די שיפן א געפאר פון צאָפן־זײַט. וואָס בעסער מיר וועלן דערלערנען אָט דעם פאס אָקעאן, וואָס ווײַטער מיר וועלן ארײַנדרינגען אין צאָפן, אלץ זיכערער וועלן זיך פילן אונדזערע פראכט־שיפן אפן צאָפנדיקן יאם־וועג.

מיר דארפן ארײַנדרינגען אין די הויכע צאָפן־ברייטן ניט בלויז צוליב דער געפארלאָזיקײַט פון אונדזערע שיפן, נאָר אויך צוליב דעם, קעדיי מיר זאָלן וויסן, וואָס פאר א וועטער עס וועט זײַן אין מאָסקווע, לענינגראד, קיעוו, קאזאכסטאן, סיביר און איבעריק גאנצן ראטנפארבאנד.

זומער איז בא אונדז ווארעמ, ווינטער איז אויכ בא אונדז ניט אזוי שטארק קאלט. פיל מענטשנ מיינענ, אז אָט די גאנצע ווארעמקײַט נעמט זיכ פונ דער זונ. אָבער ניט די זונ שיקט אונדז די גרעסטע ווארעמקײַט, נאָר דער וווּנדערלעכער יאמ-שטראָמ, וועלכער ווערט אָנגערופנ מיטנ נאָמענ „גאָלפשטראָמ“.

גאָלפשטראָמ

שטעלט זיכ פאָר דעמ ערד-קײַלעכ, שטעלט זיכ פאָר דעמ עקוואטער — די ליניע, וועלכע כאפט אימ ארומ. אײַכ איז עס זיכ שווער פאָרצושטעלנ. איכ שטעל זיכ עס אָבער גוט פאָר אונ אָט פארוואָס: בא די יאמ-לײַט איז אײַנגעפירט: יענעמ, וואָס גייט דאָס ערשטע מאָל אריבער דעמ עקוואטער, גיסט מענ אימ אָפ מיט וואסער. דערפאר האָב איכ אזוי פארגעדענקט דעמ עקוואטער, ווײַל ווענ איכ בינ אימ דאָס ערשטע מאָל אריבער, האָט מענ מיכ אויכ אָפגעגאָסנ מיט וואסער.

אפנ עקוואטער איז ווארעמ. אפנ פאָליוס איז קאלט. די לופט איבערנ עקוואטער איז שטענדיק אנ אָנגעווארעמטע אונ זי הייבט זיכ דעריבער אופ אינדערהייכ. אינ דער נאטור איז אָבער ניטאָ קיינ פוסטקײַט, אונ אויב די לופט הייבט זיכ אופ אינדערהייכ, דארפ עפעס וואָס פארנעמענ איר אָרט. אונ צומ עקוואטער שטראָמט

דעריבער סײַ פֿון צאָפֿנדיקן האַלב־קײַלעך, סײַ פֿון דאָ־רעמדיקן האַלב־קײַלעך א שטראָם לופֿט.

די דאָזיקע לופֿט שטראָמט אָבער ניט גלײַך. ס'איז פֿאַראַן קאָריאָליסעס געזעץ. דעם דאָזיקן געזעץ איז ניט שווער צו געדענקען: יעדער קערפּער, וואָס באַוועגט זיך אַף דער ערד פֿון צאָפֿנדיקן האַלב־קײַלעך, נויגט זיך אָפּ אַף רעכטס פֿון זײַן באַוועגונג, און יעדער קערפּער, וואָס באַוועגט זיך אין דאָרעמדיקן האַלב־קײַלעך, נויגט זיך אַף לינקס. דעריבער זײַנען אין צאָפֿנדיקן האַלב־קײַלעך די רעכטע ברעגן הויכע, און די לינקע—ני־דעריקע. אונדזערע טײַכן נויגט עס די גאַנצע צײַט אַף רעכטס, אַזוי נויגן זיך אויך אָפּ די ווינטן, וואָס בלאָזן צום עקוואַטער, סײַ פֿון דאָרעם, סײַ פֿון צאָפֿן. דער צאָפֿן־ווינט נויגט זיך אָפּ אַף רעכטס, צו מײַרעוו, און דער דאָרעם־ווינט—אַף לינקס, אויך צו מײַרעוו. און אַזוי אַרום באַקומען זיך שטענדיקע ווינטן־פּאַסאַטן. אין צאָפֿנדיקן האַלב־קײַלעך בלאָזט דער פּאַסאַט פֿון צאָפֿן־מיזרעך, אין דאָרעמדיקן האַלב־קײַלעך בלאָזט ער פֿון דאָרעם־מײַרעוו. די פּאַסאַטן טרײַבן דאָס וואַסער, הייבן אוף כוואַליעס, שפּאַרן זיך אָן אין די הינטער־שטע טײלן וואַסער און טרײַבן זיי פֿאָרויס. אַזוי אַרום קומען פֿאָר ווינטיקע יאַם־שטראָמען. דאָס יאַם־וואַסער הייבט אָן שטראָמען. וווהין זאָל עס אָבער שטראָמען? דאָס וואַסער קאָן ניט שטראָמען צום עקוואַטער, ווײַל אי

פונ דאָרעמ-מיזרעכ, אי פונ צאָפנ-מיזרעכ יאָגנ די פאסאטנ אלצ נײַע אונ נײַע וואסערנ. דעריבער לאָזט זיכ דאָס וואסער שטראָמענ אפ מײַרעוו אונ דערגרייכט ביזנ מעקסיקאנער אויסגוס, וועלכער געפינט זיכ צווישנ צאָפנ- אונ דאָרעמ-אמעריקע. ווײַטער האָט דאָס וואסער ניט וווהינ צו גיינ. דעמלט לאָזט זיכ דאָס וואסער איבערנ אייגציקנ וועג, וואָס בלײַבט אימ, — איבערנ פלארידער אײַנגוס, אונ דאָ טאקע הייבט זיכ אָנ דער גאָלפשטראָמ.

דער טײַכ אינעמ אָקעאנ

פונעמ פלארידער דורכגוס שטראָמט ארויס דער גאָלפשטראָמ ווי אנ עמעסער מעכטיקער טײַכ. די טעמפעראטור פונ אָט דעמ טײַכ האלט 30 גראד לויט צעלסיע. די טיפ פונעמ טײַכ איז 700 מעטער, די ברייט — 50 מעטער. דער גאָלפשטראָמ גיט אינ 70 טויזנט מאָל מער וואסער ווי די נעווא, וועלכע איז איינע פונ די פילוואסערדיקע אונ גיכסטע טײַכנ בא אונדז. דער גאָלפשטראָמ פליסט אפ צאָפנ-מיזרעכ, ווי א טײַכ אינ אָקעאנ. אונ אזוי רופט מענ אימ טאקע: „א טײַכ אינעמ אָקעאנ“.

לויט דעמ קאָליר, טעמפעראַטור — לויט אלצדינג איז דער גאָלפשטראָמ גאָר אנדערש פונעמ ארומיקנ וואסער: רעכטס שטראָמט גרינלעכ וואסער, לינקס — גרינלעכ וואסער, אונ אינ מיטנ — דער טונקל-בלויער גאָלפשטראָמ. איינמאָל, ווענ מע האָט אינ גאָלפשטראָמ אויסגעמאָסטנ

די טעמפעראטור (מע מעסט זי יעדנ כוידעש), איז פאָרגעקומענ אזא פאל: א שיפ איז אריינגעשווומענ אינ גאָלפשטראָם, דער פאָדערשטער טייל האָט זיכ שוינ געפונענ אינ גאָלפשטראָם אונ דער הינטערשטער טייל איז נאָכ געווענ אינ אָקעאנ, אונ אינ ביידע טיילנ איז געווענ אנ אונטערשייד אינ דער טעמפעראטור אפ 12 מיט א האלבנ גראד! די ענגלענדער רופנ דעם גאָלפשטראָם „א לענטע הייס וואסער". נאָר מיינט ניט, אז דער גאָלפשטראָם פליסט זיכ אזוי זאָרגלאָז אינעם אָקעאנ, ער האָט אויכ אומאנגענעמלעכקייטנ; דער גאָלפשטראָם פליסט אפ צאָפנ-מיזרעכ, אונ לינקס פונ צאָפנ שטראָמט צו אים דער קאלטער לאבראדאָרער שטראָם, וועלכער טראָגט מיט זיכ אייזבערג אונ צווינגט דעם גאָלפשטראָם זיכ אָפנויגנ אָט רעכטס, אָט לינקס. די וואסערנ פונעם לאבראדאָרער שטראָם רופט מענ מיטנ מאָדנעם נאָמענ „די קאלטע וואנט".

מע שווימט איבערנ אָקעאנ, מע זעט קיינ ברעג ניט אונ פלוצים—א לענטע הייס וואסער אונ דערנאָכ—א קאלטע וואנט...

דער גאָלפשטראָם באהייצט דעם גאנצנ מאטעריק

די וואסערנ פונ גאָלפשטראָם פארייניקנ זיכ אינ זייער וועג אפ צאָפנ-מיזרעכ מיט די וואסערנ פונ אטלאנטישנ

אָקעאַנ, דאָס זײַנענ אויכ וואַרעמע וואַסערנ. אונ אַזוי אַרום האָבנ מיר שוינ אַנ אַטלאַנטישנ שטראָם. ער שטראָמט אַפֿ צאָפֿנ, פֿליסט אַרײַנ אינ גרענלאַנדישנ יאַם אונ ווערט צעקלאַפּט אַפֿ באַזונדערע צווײַגלעכ, אַפֿ אַרבל. איינ צווײַגל פֿליסט אַרײַנ צו אונדז, אינ באַרענצאָווער יאַם. דאָס דאָזיקע צווײַגל הייסט נאָרד-קאַפּער שטראָם, אַ צווייט צווײַגל פֿליסט אַרום שפּיצבערגענ — דאָס איז דער שפּיצבערגענער שטראָם, אונ אָט די דאָזיקע אַטלאַנטישע וואַסערנ באַווײַזנ בײַ אונדז מאַמעש ווונדער.

בײַ אונדז אויפֿנ צאָפֿנ איז פֿאַראַנ אַ מערקווירדיקער פּאָרט — מורמאַנסק. ער געפֿינט זיכ אַפֿ דער ברייט פֿונ 69 גראַד, ווײַט הינטערנ פּאָליאַר-קרײַז. ער ווערט אָבער קיינמאָל ניט פֿאַרפֿרוירנ. אונ אינ וולאַדיוואָסטאָק, וואָס געפֿינט זיכ אַפֿ דער 45-טער גראַד, אַפֿ דער העלפֿט וועג צווישנ עקוואַטער אונ פּאָליוס, קומט אויס ווינטער אונטערצוהאַלטנ דעם שיפֿ-פֿאַרקער מיט דער הילפֿ פֿונ אײַזברעכער. אַפֿילע אויפֿנ שוואַרצנ יאַם קומט אויס ווינטער אָנצווענדנ אײַזברעכער. דער אַזאָווער יאַם ווערט טיילמאָל ווינטער אינגאַנצנ פֿאַרפֿרוירנ.

ס'איז פֿאַראַנ נאָכ איינער אַ מערקווירדיקער פּאָרט — באַרענצבורג, אַפֿ שפּיצבערגענ. דאָרט גראָבט מענ קוילנ. די דאָזיקע אַרבעט האָבנ דאָרט אָנגעהויבנ האָלענדער. זיי האָבנ דאָרט אויסגעבויט הײַזער, געבראַכט מאַשינענ; דערנאָכ, אַז זיי האָבנ אַביסל אָפּגעאַרבעט, האָבנ זיי זיכ

באַקלערט, אַז עס לוינט ניט די גאַנצע אַרבעט און אוועקגעפאָרן. איצט געפינען זיך דאָרט, אַפן דער 78־טער גראַד פון דער צאָפן־ברייט, סאָוועטישע אַרבעטער. 5־6 כאַדאָשים אין יאָר פירן מיר פון דאָרט אַרויס קוילן קיין מורמאַנסק און אַרכאַנגעלסק. אַדאַנק די וואַרעמע צווייַגלעך פון גאָלפשטראָם קאָן מען פאָרן מיט שיפן אַפילע נאָך צאָפנדיקער. אין 1935־טן יאָר האָבן מיר אַפן אייַזברעכער „סאַדקאָ" דערגרייכט אַ ברייט פון 82 גראַד, 41,6 מינוט. אַזאַ ברייט האָט נאָך קיינער ניט דערגרייכט.

אינעם זעלביקן יאָר האָט „קראַסינ", דער שטאַרקסטער אייַזברעכער אין דער וועלט, זיך געפינען אַפן מיזרעך, נעבן בערינג־דורכגוס. „קראַסינ" האָט געוואָלט שלאָגן אַ רעקאָרד אין די הויכע ברייטן, ער האָט אָבער בלויז דערגרייכט ביז דער 73־טער גראַד מיט 30 מינוט, דאָס הייסט, אַפ 9 גראַד דאָרעמדיקער, און אַ גראַד האַלט 60 יאַם־מייַל, אָדער 111 קילאָמעטער. „סאַדקאָ" האַט אַזוי אַרום דערגרייכט 950 קילאָמעטער צאָפנדיקער פון „קראַסינ". דאָס איז דערפאַר, ווייַל דעם אייַזברעכער „סאַדקאָ" האָט מיטגעהאָלפן: דער גאָלפשטראָם און „קראַסינען" האָט ער ניט מיטגעהאָלפן.

אָט פאַרוואָס ווינטער איז אין מאָסקווע, אַשטייגער, וואַרעמער, ווי אַפן ווייַטן מיזרעך. דער גאָלפשטראָם איז אָבער ניט שטענדיק אין איינ און דעמזעלבן צושטאַנד.

טײַלמאָל איז ער װאַרעמער, טײלמאָל קעלטער, טײלמאָל לאָזט ער מערער װאַרעמס װאַסער אַף צאָפּן, טײלמאָל װײניקער. דעם גאָלפשטראָם מיט זײַנע צװײַגלעך װאָלט מען געקאָנט פאַרגלײַכן מיט טרובן פון דאַמפּ־באַהײצונג, פונקט װי ערגעץ אונטן אַף דאָרעם װאָלט עמעצ װי מיט אַ קראַן געעפנט און פאַרשלאָסן די װאַרעמקײַט. װען עס גײט אַרױס װאַרעמקײַט, װערט אין אײראָפּע װאַרעמער, און װען זי הערט אוף, װערט קעלטער.

אין דער אַרקטיק איז װאַרעמער געװאָרן

אָנגעהױבן פון 1921 – 1920 גיט דער גאָלפשטראָם מער װאַרעמקײַט. אין דער אַרקטיק איז איצט װאַרעמער. און דאָס לאָזט זיך זײער שטאַרק פילן.

אַף די אינדזלען פונעם געפרױרענעם אָקעאַן איז די טעמפּעראַטור אַ העכערע, װי מיט 30־20 יאָר צוריק. מיר װײסן, אַז שפּיצבערגען, די פראַנץ־יאָסיף־ערד און די צאָפן־ערד — זײַנען באַדעקט מיט אײַז, װאָס בילדעט אױס פילצאָליקע גלעטשערס, װעלכע לאָזן זיך אַראָפּ אין יאַם אַרײַן. די לעצטע צײַט באַמערקט מען אָבער, אַז פיל גלעטשערס זײַנען קלענער געװאָרן.

װעגן דעם, אַז ס'איז װאַרעמער געװאָרן, גיבן אױך צו װיסן די יאַם־באַשעפענישן. די יאַם־באַשעפענישן, באַזונדערס פיש, זײַנען זײער פילבאַר צו ענדערונגען

אין דער טעמפּעראַטור. מע זאָגט, אַז פיש האָבן קאַלט בלוט. דאָס איז עמעס: די טעמפּעראַטור פונעם בלוט בא די פיש איז פונקט אזא, ווי די טעמפּעראַטור פונעם וואַסער, וואָס רינגלט זיי אַרום. גאָר אַנדערש איז אָבער מיט די מילכזויגנדיקע יאַם־באַשעפענישן: בא זיי איז די טעמפּעראַטור פונעם בלוט אַן אַנדערע, ווי די טעמפּעראַטור פונעם וואַסער. די דאָזיקע מילכזויגנדיקע געהערן צו די צווייטלעכע יאַם־פאָרמעס. אַמאָל האָבן זיי געלעבט אַף דער יאַבאָשע, דערנאָך האָבן אַנדערע, שטאַרקערע רויב־כײַעס זיי פאַרטריבן אין יאַם. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין יאַם. זיי זײַנען אָבער דערפאַר שטאַרק באַשטראָפט געוואָרן. דאָס וואַסער נעמט בא זיי אָפּ וואַרעמקײַט, און דעריבער דאַרפן די מילכזויגנדיקע יאַם־באַשעפענישן זייער אַסאַך עסן, קעדיי אונטערצוהאַלטן די טעמפּעראַטור פון בלוט, כאָטש זיי האָבן אַ שוץ־מיטל — גרויסע, דיקע, פעטע הויט־צודעקן.

אַלע איבעריקע יאַם־באַשעפענישן זײַנען גליקלעכערע. זייער טעמפּעראַטור איז די זעלביקע, וואָס די טעמפּעראַטור פונעם וואַסער, ווו זיי געפינען זיך. דעריבער דאַרפן זיי פאַרהעלטנימעסיק זייער ווייניק שפּײַז. דערפאַר האָבן זיי אָבער אַן אַנדערן גרויסן פעלער: זיי זײַנען זייער פילבאַר צו די מינדסטע ענדערונגען פון דער טעמפּעראַטור פון דעם וואַסער. דער מערהייט פיש לעבט זיך גוט בלויז דעמלט, ווען די טעמפּעראַטור פון וואַסער

האלט 2־3 גראד ווארעמקייט. אויב די טעמפעראטור איז א קלענערע אָדער א גרעסערע, ווערט זיי שווער צו לעבן, זיי וואקסן שלעכט און אָפט קומען זיי אום, דעריבער זײַנען די מערהייט יאם־באשעפענישן אפ שטענדיק פאר־בונדן מיט א באשטימטן טייל פון יאם.

די לעצטע 20־15 יאָר זײַנען אָבער די יאם־פיש און אנדערע אָרגאניזמען ווײַט פארשוווּמען אפ צאָפן. ערשט ניט לאנג איז דער שטאָק־פיש ניט געשווומען צאָפנדיקער פון די דאָרעם־ברעגן פון נאָוואיא זעמליא, און איצט כאפט מען אים נאָך אפילע צאָפנדיקער.

די לעצטע 20־15 יאָר איז די ארקטיק ווארעמער געוואָרן מער ווי אפ א גאנצן גראד.

דורכרײַסן זיך צום צאָפן־פּאָליוס

איך האָב שוין פריער געזאָגט, אז קעדיי צו באהערשן אונדזער צאָפן, דארף מען אים דערלערנען, דארף מען אפ א שיף אָדער אפ אן אײַזברעכער ארײַנדרינגען וואָס צאָפנדיקער. אפילע אעראָפּלאנען טויגן ניט צוליבן דאָזיקן צוועק. זיי זײַנען נאָך ניט גענוג זיכער. זיי האָבן מוירע פאר ארומפארירן מיט אײַז, זיי האָבן מוירע פאר נעפּלען. איבער דעם, וואָס דער דיריזשאבל „איטאליע״ איז ארומגעפּרוּווירן געוואָרן מיט אײַז, איז אומגעקומען נאָ־בילעס עקספּעדיציע. איבער דער זעלבער סיבע איז דורכ־

געפאַלן דער ערשטער פּרוּוו מיט א לופט-באַלאָן, וואָס עס האָט געמאַכט אין 1896־טן יאָר דער שוועדישער פאָרשער אַנדרע.

כוצדעם, פליִען דער אעראָפּלאַן און דיריזשאַבל זייער גיך. דער עמעסער פּאָליאַר־פאָרשער אינטערעסירט זיך אָבער ניט בלויז מיט דעם, וואָס מע קאָן דערזען אויפן אייַז, נאָר אויך מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אין אייַז און אונטערן אייַז, ביזן גרונט פון אָקעאַן, דעריבער איז די שיף דאָס בעסטע מיטל פאַר אַלערליי אַרקטישע עקספּעדיציעס.

וויאַזוי קאָן מען אַרייַנדרינגען אין די הויכע ברייטן פונעם געפרוירענעם אָקעאַן?

נאָכדעם ווי ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז קיין פּאָשעטע שיף קאָן ניט בייַקומען די פּאָליאַרע אייַזפעלדער, האָט דער באַוווסטער רוסישער פאָרשער און געלערנטער סטע־פאַן מאַקאַראָוו פאָרגעלייגט דורכצורייַסן זיך צום צאָפן־פּאָליוס. לויט זייַנע צייכענונגען איז אויסגעבויט געוואָרן דער אייַזברעכער „יערמאַק".

אויף אָט דעם אייַזברעכער האָט זיך מאַקאַראָוו גע־לאָזט אין קאַמף קעגן די אייַזפעלדער. אין 1899־טן יאָר איז ער אַרייַן אין די פּאָליאַר - וואַסערן, צו צאָפן פון שפּיצבערגען. אָבער גאָר אינגיכן, אויף דער ברייט פון 81 גראַד מיט 27 מינוט האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן. דער אייַזברעכער האָט ניט געקאָנט בייַקומען דאָס אייַז.

ניט געקוקט אפ דער פעסטקײַט פונעם אײַזברעכער, האָבנ זיכ זײַנע שפאנגאוטנ — די ריפּנ פונ דער שיפ, אײַנגעבויגנ, אונ „יערמאק” איז שוינ מער ניט געשווומענ אינ די הויכע ברייטנ.

צי קאָנ מענ ניט שווימענ אונטערנ אײַז?

אויב מע קאָנ זיכ ניט דורכרײַסנ דורכנ אײַז, עפשער קאָנ מענ שווימענ אונטערנ אײַז? דער דאָזיקער אײַנפאל איז שוינ ניט נײַ, נאָר ערשט אינ 1931-טנ יאָר האָט זיכ עס געפּרווט פארווירקלעכנ דער ענגלענדער ווילקינס. ווילקינס איז שוינ פריִער געהאַט אסאכ געשווומענ אונ געפלויגנ אינ די פּאָליאר-לענדער. צו דער דאָזיקער רײַזע האָט ער אײַנגעלאדנ אלס געהילפ דעמ בארימטנ נאָרוועגישנ געלערנטנ סווערדרופ, א זונ פונ יענעמ סווערדרופ, וועלכער איז געווענ א קאפּיטאנ אפ דער שיפ „פראַמ”, בא נאנסענענ.

ווילקינס האָט זיכ אײַנגעשאַפט אנ אונטערוואסער-שיפל. דאָס איז אימ ניט אזוי גרינג אָנגעקומענ. קיינ סאכ געלט האָט ער ניט געהאט, האָט ער דעריבער אָפּגעקויפט אנ אלט מיליטעריש אונטערוואסער-שיפל אונ עס א נאָמענ געגעבנ „נאוטיליוס”.

דער נאוטיליוס דאָס איז אזא מאָליוסק, וואָס איז באשאפנ פונקט אזוי, ווי אנ אונטערוואסער-שיפל. ער פארמאָגט א ספעציעלע קאמער. אז ער לאָזט ארויס דאָס

וואַסער פונ אָט דער קאַמער, ווערט ער לײַכט אונ הייבט זיכ אופ אינדערהייכ. נעמט ער אָנ וואַסער אינ דער קאַמער, ווערט ער שווערער אונ לאָזט זיכ אראָפּ אונטנ. מיטנ נאָמענ פונ אָט דעמ מאָליוסק האָט דער שרײַבער זשול-ווערנ אָנגערופנ דאָס אונטערוואַסער-שיפל אינ זײַנ באַוווּסט פאנטאסטיש בוכ „80 טויזנט קילאָמעטער אונטערנ וואַסער“.

אינ 1931-טנ יאָר האָט זיכ דאָס אונטערוואַסער-שיפל „נאוטיליוס“ געלאָזט שווימענ צו צאָפנ פונ שפּיצבערגענ. אינ וועג איז פאָרגעקומענ א שטיקל אומגליק מיט די רודערס. דאָס אונטערוואַסער-שיפל האָט געהאַט צוויי סיסטעמענ רודערס: ווערטיקאַלע רודערס, וואָס זײַנענ ענלעכ צומ עק פונ א פיש, קעדיי צו קערעווענ דאָס שיפל רעכטס אָדער לינקס, אונ האָריזאָנטאַלע רודערס — ווי די פליספעדערנ בא א פיש. אויב מע בייגט אײַנ אָט די רודערס, לאָזט זיכ דאָס שיפל אראָפּ, אויב מע הייבט זיי אופ, שווימט דאָס שיפל ארופ. די דאָזיקע רודערס בא די זײַטנ זײַנענ גיכ קאליע געוואָרנ, אונ „נאוטיליוס“ איז געשווומענ אינ די צאָפנוואַסערנ ווי א געוויינלעכע שיפ אונ פארשווימענ זייער ווײַט, עטוואָס העכער פונ דער 82-טער פאראלעל. „נאוטיליוס“ איז אָבער פארשווימענ אזוי ווײַט, ניט ווײַל ער איז געווענ אנ אונטערוואַסער-שיפל, נאָר דערפאַר, ווײַל אינ יענעמ יאָר איז געווענ ווייניק אײַז.

צושווימענ צומ פאָליוס אפ אנ אונטערוואַסער־שיפל איז דערווײַל אומעגלעכ. ווענ די רודערס בא „נאוטיליוס" וואָלטנ אפילע ניט קאַליע געוואָרנ, וואָלט ער אויכ ניט געקאָנט דורכרײַסנ זיכ דורכנ אײַז, ווײַל אפ יעדע 10 מעטער די טיפ ווערט דער דרוק פונעמ וואסער פארגרעסערט אפ א גאנצער אטמאָספער. דאָס הייסט, אז אויב מע וויל אונטערטוקנ זיכ אונטערנ אײַז אפ א טיפ פונ 60 מעטער, דארפ דער קאָרפוס פונ שיפל אויסהאלטנ א דרוק פונ 6 אטמאָספער. דער דאָזיקער דרוק איז אזוי שטאַרק, ווי דער דרוק, וואָס ווערט אונטערגעהאלטנ אינ א גוטנ דאמפ־קעסל.

נאָכ מער: דאָס אונטערוואסער־שיפל קאָנ זיכ ניט שטענדיק געפינענ אונטערנ וואסער: עס דארפ אלע מאָל באנײַענ דעמ רעזערוו לופט אונ אָנלאָדנ די אקומוליאטערס צוליב דער ארבעט פונ די עלעקטראָמאָטאָרנ. גוטע אונטערוואסער־שיפלעכ קאָנענ זיכ געפינענ אונטערנ וואסער ניט מער ווי 30 שאָ. אינ פאָליאר־באסיינ איז אָבער דער אויבערפלאכ באדעקט מיט ריזיקע אײַזפעלדער, ווײַל דאָס אײַז איז א דיקס — $1\frac{1}{2}$-2 — מעטער די גרעב. דערצו ליגט נאָכ איבערנ אײַז א שיכט שניי, אונ נאָכ די 30 שאָ, אז דאָס שיפל דארפ זיכ אופהייבנ, קלאַפט זיכ עס אָנ אינ אײַז אונ מוז אָנהייבנ זוכנ אנ עפענונג. דאָס שיפל קאָנ צופעליק געפינענ אזא עפענונג אונ אמאָל קאָנ עס 3 טעג זוכנ אנ עפענונג.

דעריבער קאָנ מענ דערווײַל אפנ קיינ אונטערוואסער־שיפלעכ אויכ ניט אויסרעכענענ.

מע דארפ אָפגארנ די נאטור

וואָס־זשע בלײַבט צו טאָנ? אויב מענ קאָנ זיכ ניט דורכרײַסנ דורכ דער נאטור, עפשער קאָנ מענ זי ווי ס׳איז ארומגיינ, אויסנוצנ אירע שוואכע זײַטנ? דער דאָזיקער געדאנק איז אײַנגעפאלנ דעם באוווסטנ פאָליאר־פאָרשער נאנסענענ. בא די ברעגנ פונ גרענלאנדיע האָט ער באמערקט רעשטלעכ פונ צעבראָכענע שיפנ אונ אנדערע זאכנ, וואָס שטאמענ פונ די ברעגנ פונ שטילנ אָקעאנ. ער האָט געפונענ בא די ברעגנ פונ גרענלאנדיע שפיצנ פונ אינדישע פײַלנ, הארפונעס, רודערס אונ אנדערע זאכנ, וואָס געהערנ צו די אינדיאנער אינ אליאסקי. נאנסענ האָט פעסטגעשטעלט, אז די דאָזיקע זאכנ האָבנ געקאָנט צוקומענ צו די גרענלאנדישע ברעגנ נאָר מיטנ אײַז. דאָס האָט נאנסענענ ארופגעפירט אפ א געדאנק, אז די אײַזבערג שווימענ פונעמ בערינג־דורכגוס צו גרענלאנדיע, אויסמײַדנדיק דעם פאָליוס. אונ ער האָט באשלאָסנ לאָזנ אײַנפרירנ א שיפ אינ אײַז אונ אזוי ארומ זיכ דורכפאָרנ מיט זײער הילפ פונ די אײַזפעלדער.

ער האָט איבערגעכיטרעוועט די נאטור מיט נאָכ א זאכ. דאָס שרעקלעכסטע אינ די פאָליאר־באדינגונ־

גענ איז דאָס אזויגערופענע אײַנקוועטשנ פונעמ אײַז. אויב איר וועט לייענענ די באשרײַבונגענ וועגנ דעמ, וועט איר זענ, וואָס פאר א שרעקלעכע זאכ דאָס איז. פונ אײַנקוועטשנ אינ אײַז איז אויכ אומגעקומענ דער אײַזברעכער „טשעליוסקינ”, דאָס אײַז האָט אימ צעקוועטשט.

און אויכ דאָ האָט נאנסענ איבערגעכיטרעוועט די נאטור. זײַנ שיפ „פראמ” איז אזוי געבויט געוואָרנ, אז אויב דאָס אײַז וועט זי צופרעסנ בא די זײַטנ, זאָל זי ארופקריכנ אינדערהייכ.

און אָט איז נאנסענ ארײַנ אינ פּאָליאר־אײַז צו צאָפנ פונ די נײַסיבירער אינדזלענ. „פראמ” האָט אינײינעמ מיטנ אײַז דורכגערײַזט איבערנ גאנצנ פּאָליאר־באסיינ, עטוואָס דאָרעמדיקער פונ צאָפנ־פּאָליוס.

דאָס דאָזיקע מיטל, וואָס נאנסענ האָט אָנגעווענדעט, איז אייגנטלעכ דאָס איינציקע מיטל צוצוקומענ צו די הויכע ברייטנ. דאָס דאָזיקע מיטל פּאָדערט אָבער, ערשטנס, זייער פיל צײַט. נאנסענס עקספּעדיציע האָט געדויערט 3 יאָר; צווייטנס, איז עס זייער א ריזיקאליש מיטל.

איצט זײַנענ אונדזערע יעדיִעס וועגנ די אײַזפעלדער פיל גרעסערע און מיר ווייסנ, אַז אינעמ צענטראַלנ טייל פונ פּאָליאר־באסיינ שווימענ ניט די אײַזפעלדער פאָרשעט פונ מיזרעכ אפ מײַרעוו, נאָר זיי געפינענ זיכ אינ אַ קרײַז־באַוועגונג. דער צענטער פונ אָט דער באווע־

גוגג געפינט זיך ערגעצ צווישנ 80 אונ 85 גראַד פונ דער צאָפנ־ברייט, איבערנ בעריגג־דורכגוס. נאַנסענס „פראמ" האָט אָפגעגליקט, וואָס ער האָט זיך געפונענ באמ ראַנד פונ אָט דעמ קרײַז. וואָלט ער זיך געפונענ נעענטער צומ צענטער, איז זייער מעגלעך, אז עס וואָלט אימ לאַנג געדדייט אונ ווער ווייס ווי לאנג עס וואָלט געדויערט ביז דאָס אײַז וואָלט אימ ערגעצ פאַרטראָגנ.

אויך איך בינ אינ מײַנע עקספעדיציעס די לעצטע טעג געגאַנגענ אפ נאַנסענס וועג, כאָטש איך האָב עס געטאָנ אביסל אנדערש: איך האָב אויך באַשלאָסנ אי־בערכיטרעווענ די נאַטור.

מיר ווייסנ שוינ, אז אינ דער ארקטיק ווערט וואַ־רעמער. מיר ווייסנ אויך, אז די פאָרשונגענ, וואָס מע פירט דורך אפ מײַרעוו, גיבנ א מעגלעכקײַט פאָרויסצו־זאָגנ, וואָס וועט פאָרקומענ אפ מיזרעך. דעריבער האלט איך, אז מע קאָנ אזוי ווײַט ארײַנדרינגענ אינ צענטער פונ דער ארקטיק אונ עפשער נאָך ווײַטער ווי נאנסענ איז געווענ, אונ ניט מיטנ אײַז, נאָר מיט ריינעמ וואסער.

אינ 1934־טנ יאָר האָב איך אפ דער שיפ „פערסעע" ארומגעקרײַזט שפיצבערגענ אונ איך האָב דעריבער גע־ווּסט, אַז אינ 1935־טנ יאָר וועלנ די באַדינגונגענ פו־נעמ אײַז זײַנ לײַכטערע, אונ ווענ געאָרגי אַלעקסייע־וויטש אושאקאָוו האָט מיר פאָרגעלייגט איך זאָל אָנטייל

נעמען אין דער עקספּעדיציע פון „סאדקאָ" אַלס זײַן שטעל־פּאַרטרעטער און אַלס װיסנשאַפטלעכער אָנפירער, האָב איך אײַנגעשטימט.

די עקספּעדיציע פון „סאדקאָ"

מיר האָבן זיך געלאָזט שווימען דעם 6־טן יול 1935־טן יאָר. מיר זײַנען אַרײַן אין מורמאַנסק און אַוועק ווײַטער. די עמעסע אַרבעט האָבן מיר אָבער אָנגעהויבן דעם 14־טן יול אַף דער ליניע פון נאָרד־קאַפּ ביז שפּיצבערגען.

אַסאַך מיינען, אַז נאָרד־קאַפּ איז דער עקסטער צאָפנדיקער פּונקט פון אייראָפּע.

דאָס איז ניט ריכטיק. נאָרד־קאַפּ געפינט זיך אַף אַן אינדזל און ניט אַפן מאַטעריק. דער סאַמע עקסטער פּונקט פון אייראָפּע איז נאָרד־קין, נעבן נאָרד־קאַפּ.

נאָרד־קאַפּ איז זייער שיין און פאַרמאָגט זייער אַ שיינעם פּייזאַזש. נאָרד־קין איז ניט שיין. נאָרד־קאַפּ — דאָס איז אַ פעלדז פון 300 מעטער די הייך און אַפן סאַמע שפּיץ געפינט זיך אַ קליינע רעסטאָראַנדל. אַלע יאָר קומען אַהין צו פאָרן טוריסטן, אַף טרעפּ הייבן זיי זיך אויף אינעם רעסטאָראַנדל און קוקן פון דאָרט אַף דער זון, וואָס פאַרגייט ניט. נאָרד־קאַפּ געפינט זיך נעבן 70־טער גראַד פון דער צאָפן־ברייט, הינטערן פאָ־

ליאַר־קרײַז. און הינטערנ פּאָליאַר־קרײַז פאַרגייט ניט זומער די זונ. אַרומ נאָרד־קאַפּ איז זייער שיינ. דאָרט זײַנענ פאַראַנ פיל טיפּע אויסגוסנ מיט שטאַרק מעשופּעדיקע ברעגנ. די דאָזיקע אויסגוסנ זײַנענ די געוועזענע טײַכ־בעטנ פונ גלעטשערס, די אַזויגערופענע פיאָרדנ.

זייער אינטערעסאַנט זײַנענ דאָרט די „פייגל־מערק". איר מיינט אַוואַדע, אַז דאָס זײַנענ ערטער, ווּ מע פאַרקויפט אויפעס? ניינ, די „פייגל־מערק" — דאָס זײַנענ פעלדזנ, אַפ וועלכע עס זיצנ פייגל. אַז מע שיסט אויס מיט אַ ביקס, הייבנ זיכ אופ פונ די פעלדזנ אַזוי פיל פייגל, אַז עס ווערט פינצטער, ווי בעיס אַ ליקעכאַמע, און פונ זייערע געשרייענ ווערט אַזאַ טומל, אַז מע הערט ניט, וואָס מע רעדט.

נאָכדעמ ווי מיר האָבנ באַטראַכט נאָרד־קאַפּ, נאָרד־קינ און די „פייגל־מערק", האָבנ מיר זיכ געלאָזט שווימענ צומ אינדזל מעדוויעזשי, וואָס איז אינ 1596־טנ יאָר אַנטדעקט געוואָרנ דורכנ באַוווּסטנ האָלענדישנ רײַזנדער באַרענצ, וואָס אַפ זײַנ נאָמענ ווערט אָנגערופנ דער באַרענצאָווער יאַמ. דערנאָכ זײַנענ מיר צוגעקומענ צומ דאָרעמ־ברעג פונ שפּיצבערגענ און מיר האָבנ פאַרקערעוועט צומ ראַנד פונ די גרענלאַנדישע אײַזפעלדער. דער גאַנצער צאָפנ־טייל פונ אַטלאַנטישנ יאַמ איז ווי אַ הויפּט־ווענטיליאַטער פונעמ צאָפנדיקנ אײַז־אָקעאַנ. דאָרעמדיקער

פארייניקט זיך נאָך צו אָט דעם אײַז דאָס אײַז פונ באַפינאָוו - אויסגוס און זיי לאָזנ זיך אלע אראָפּ צו דאָרעמ, צו ניופאונדלענד און דערגרייכנ ביזנ גאָלפשטראָמ.

פארשטייט זיך, אז ניט דאָס גאנצע אײַז שווימט אהער, נאָר בלויז באזונדערע אײַזבערג. די דאָזיקע אײַזבערג שפּאלטנ זיך אָפּ פונ די גלעטשערס. די גלעטשערס לאָזנ זיך אראָפּ אינ יאמ. דאָס אײַז איז אָבער לײַכטער פונ וואסער און עס שטרעבט דעריבער ארופצושווימענ. אז די גלעטשערס ברעכנ זיך אָדער, ווי מע זאָגט, „קעלבנ" זיך, באקומענ זיך אײַזבערג.

די אײַזבערג דערשווימענ טיילמאָל ביז 35 גראד פונ דער צאָפנ-ברייט. אמאָל פלעגנ די דאָזיקע אײַזבערג אָנטאָנ גרויסע אומגליקנ די שיפנ. אינ 1912-טנ יאָר איז די שיפ „טיטאניק", וואָס איז דעמלט געווענ די גרעסטע שיפ אינ דער וועלט, אומגעקומענ פונ א צוזאמענשטויס מיט אנ אײַזבארג. אז אנ אײַזבארג לאָזט זיך שווימענ אפנ וועג, ווו עס קורסירנ שיפנ, פרוווט מענ אימ פארניכטנ, און אויב ער איז צו גרויס, שווימט ניט ווײַט פונ אימ א וואכ-שיפ און גיט די גאנצע צײַט ראדיאָגראמעס: „היט זיך, היט זיך, אפנ דאָזיקנ אָרט שווימט אנ אײַזבארג!"

מיר זײַנענ צוגעשווומענ הארט ביז די גרענלאנדישע אײַזפעלדער, נאָר אינ אײַז זײַנענ מיר ניט ארײַנגע-

שוווּמען. מיר זײַנען געשווומען לענגויס די לאַנג פֿון צעגייענדיקן אײַז און פאַרקערעוועט אין בארענצבורג.

בארענצבורג און אמסטערדאַם

בארענצבורג איז א מערקווירדיקע שטאָט. אין באַרענצבורג וווינען 1200 שאַכטיאָרן אונדזערע. דאָס לעבן זייערס איז אויסגעצייכנט אָרגאַניזירט. זיי האָבן דאָרט א שול־קאָמבינאַט, יאַסלעס, קינדער־גערטנער, זיי האָבן שולן, טעכניקומס און אפילע אַן ארבפאַק. אין בארענצבורג איז פאַראַן אַן אויסגעצייכנטער טעאַטער. דעם טאָג, וואָס מיר זײַנען געקומען צופאָרן, האָבן די באַרענצבורגער שאַכטיאָרן געשטעלט ספּעציעל פאַר אונדז די אָפּערע „רוסאַלקאָ". אַסאַך גוטע זאַכן זײַנען דאָרט פאַראַן, נאָר מער פאַר אַלץ זײַנען מיר אין בארענצבורג געפעלן די קינדער־יאַסלעס. איר ווייסט דאָך גוט, אַז מיר אַלע און באַזונדערס קינדער נייטיקן זיך אין זון. אָן זון ווערן מענטשן אויסגעצערט און פאַרוועלקט. אין שפּיצבערגען איז אָבער 4 כאָדאָשים אין יאָר אין־גאַנצן פינצטער און דאָס ווירקט זייער שלעכט אַף די קינדער. און אָט האָט מען אין דידאָזיקע יאַסלעס געמאַכט א קינסטלעכע זון, וועלכע וואַרעמט און באַלײַכט די גאַנצע צײַט די קינדער.

אין בארענצבורג האָבן מיר פאַרבראַכט ניט לאַנג. מיר האָבן אָנגעלאָדן קוילן אַף דער שיף און זיך ווי־

דער געלאָזט שווימענ צו די גרענלאנדישע אײַזפעלדער און דערנאָכ ווײַטער אפ צאָפנ. קיינ נאכט איז ניט גע־ווענ: די גאנצע צײַט איז ניט פארגאנגענ די זונ. צי ס'איז טאָג אָדער נאכט האָבנ מיר דערקענט לויט אזעלכע סימאָנימ: אויב מע האָט דערלאנגט טיי—הייסט עס, אז ס'איז אינדערפרי, אויב מיטעק,— איז האלבער טאָג, און אויב אָוונט-ברויט, הייסט עס, אז דער טאָג האָט זיכ געענדיקט. וואָס פאר א צײַט ס'איז וואָלט מענ אויכ געקאָנט דערקענענ לויט דער זונ: צי זי שטייט העכער אָדער נידעריקער. נאָר די גאנצע צײַט האָט אָבער געהערשט א נעפל, און מיר האָבנ ניט געקאָנט אונטערשיידנ פונ האלבנ טאָג ביז האלבער נאכט.

אָפט פלעגנ מיר איינער דעמ אנדערנ פרעגנ, וויפל ס'איז דער זייגער: צענ אזייגער אינדערפרי, צי צענ אזייגער אינאָוונט.

דאָס וועטער האָט אונדז די גאנצע צײַט צוגעשפילט און דאָס איז געווענ זייער גוט. איכ האָב זיכ זייער געשראָקנ פאר אָט דעמ צאָפנדיקנ אטלאנטיק, ווײַל דער זיד-וועסט*) יאָגט דאָ אָנ אזעלכע כוואליעס און עס שלײַדערט אזוי די שיפ, אז עס וואָלט געקאָנט צעברעכנ אונדזער שיפ. אפ דער פאלובע האָבנ מיר געהאט 2 אע־ראָפלאנענ, און אזויוי מיר האָבנ זיכ געדארפט ארויס־זעצנ אפנ ברעג, קעדיי צו מאכנ אויספאָרשונגענ, האָבנ

*) דאָרעמ-מייר־עוו־וויגט

מיר פונויבן אין ספּעציעלע הייזקעס געהאט אויך 35 הינט. און אזויווי עס האָט געקאָנט אויסקומען ערגעץ איבער־ווינטערן אויך, האָבן מיר געהאט צוגעגרייט הייזקעס, וואָס מען קאָן זיי צענעמען און צונויפשטעלן. מיר האָבן געהאַט שיפלעך, שליטנס א.א.וו. דערצו דארף מען זיך אין דער ארקטיק גוט דערנערן, אויב מע וויל ניט קראנק ווערן. און עסן דארף מען פריש גאָרטנווארג און פריש פלייש. קעדיי מיר זאָלן האָבן פריש פלייש, האָבן מיר מיטגענומען א לעבעדיקן אָקס און 8 לעבעדיקע כאזיירים. און מע דארף זאָגן, אז דער אָקס האָט זיך געפירט גאַנץ אָנשטענדיק, נאָר די כאזיירים האָבן זיך געפירט ווי עמעסע כאזיירים: פונעם פאָרן אפן שיף האָט זיך זיי אזוי פארדרייט די קעפּ און עס האָט זיי אזוי געעיבלט, אז זיי האָבן אלצדינג פארפאטשקעט, און דאָס איז געווען א גרויסע כאזעריי פון זייער זייַט.

און אזוי האָבן מיר זיך פאוואָליקע דערקליבן צום צאָפן. מיר זייַנען פארבייַגעשווומען מערקווירדיקע ערטער, וואָס איצט האָט מען זיי שוין פארגעסן. מיט 100־150 יאָר צוריק האָט זיך דאָ געטאָן כוישעך. מיר וווּנדערן זיך, וואָס אין בארענצבורג ווינען איצט 1200 מענטשן. און אָט נאָך צאָפנדיקער פון בארענצבורג, נעבן אינדזל אמסטערדאם פלעגן זיך מיט 150 יאָר צוריק יעדן פרילינג צונויפזאַמלען ביז 10־12 טויזנט מאן. דאָ פלעגן פאָרקומען עמעסע יאם־שלאכטן צווישן די

שיפן פון פארשיידענע נאַציִעס. טיילמאָל פליגן די שלאַכטן דערגיין אזוי ווײַט, אז מע פלעגט דארפן ארויסרופן ענגלישע און האָלענדישע קריגס־שיפן. די שלאַכטן פלעגן פּאָרקומען דערפאר, ווײַל דעמלט איז דאָס דאָזיקע אָרט געווען פול מיט וואלפישן. דאָס אָרט האָט טאקע גע־הייסן די וואלפיש־בוכטע.

עס זעט דאָ אויס, ווי די נאטור אליין וואָלט געטאָן אלצדינג, אז דאָ זאָלן זײַן וואלפישן. מיר ווייסן שוין איצט גאַנץ זיכער, אז באַם ראנד פון צעגייענדיקן אײַז איז דאָס זעטיקסטע אָרט אין יאַם. דאָרט אנטוויקלט זיך שטורמיש דאָס לעבן פון די קלענסטע מיקראָסקאָפּישע געוויקסן, וואָס שווימען אין וואסער. זיי ווערן אָנגע־רופן „פיטאָפּלאַנקטאָנען". דאָ זײַנען אויך פאראן זייער פיל באַלעבאַיִם, רויטע ראקעס פון פארשיידענע מינים און קאָלירן. זיי דערנערן זיך מיט די פיטאָפּלאַנקטאָנען. די דאָזיקע ראקעס ווערן אָנגערופן „זאָאָפּלאַנקטאָנען". די מעדוזעס און פיש דערנערן זיך מיט די זאָאָפּלאַנקטאָנען, און די פיש, ווידער, זײַנען די הויפּט־שפּײַז, מיט וועלכער עס דערנערן זיך אנדערע באַלעבאַיִם. אין דער וואל־פיש־בוכטע, וווּ פון איין זײַט גייען דורך די ווארעמע אטלאַנטישע וואסערן און פון דער צווייטער זײַט שווימט צו דאָס אײַז פון גרענלאַנדישן יאַם, ווערן געשאפן די בעסטע באַדינגונגען, אז עס זאָלן זיך אנטוויקלען פּלאַנקטאָנען. די וואלפישן פלעגן דאָ קומען צו שווימען זיך

פּאַשען ווי אפּ פיש־פעלדער, און די מענטשן פלעגן קומען כאַפּן די וואַלפישן. יעדע שיף פלעגט זיך סטאַרען צו כאַפּן וואָס מער וואַלפישן. מע האָט זיי אַזוי אָנראַכמאָנעסדיק פאַרניכטעט, אַז איצט זײַנען שוין דאָרט קימאַט קיין וואַלפישן ניטאָ. איצט איז אין שפּיצבערגען דאָס געיעג אפּ וואַלפישן פאַרבאָטן. איך בין אַסאַך געשווומען אין די דאָזיקע ראַיאָנען און אין 1934־טן יאָר האָב איך אין דער וואַלפיש־בוכטע געזען בלויז 3 וואַלפישן. און אין 1935־טן יאָר האָבן מיר דאָרט קיין איין וואַלפיש ניט באַגעגנט.

וואָס איז מיט דער דזשיליס־ערד?

מיר זײַנען ווײַטער געשווומען אפּן צאָפּן, דערנאָך אפּ מיזרעך, און דאָ האָבן מיר געהאַט אַ קליינעם דורכפאַל. אָט וואָס ס'איז פאָרגעקומען: אין 1707־טן יאָר איז דער ענגלישער קאַפּיטאַן דזשיליס געשווומען אפּ צאָפּן־מיזרעך פון שפּיצבערגען און אפּן וועג האָט ער געזען אַ גרויסע הויכע ערד. זינט דעמלט ווערט אָט די ערד אפּ דער מאַפּע אָנגערופן דזשיליס־ערד. זינט דזשיליסן האָט קיינער די דאָזיקע ערד ניט געזען ווי עס געהער צו זײַן.

אין 1899־טן יאָר איז מאַקאַראָוו געשווומען אפּן אײַזברעכער „יערמאַק". ער האָט דערציילט, אַז ער

האָט, דאכט זיך, געזען עפּעס ערד. נאָר זאָגן אַפּ זי־
כער קאָן ער ניט. אין 1925־טן יאָר איז דער ענגלישער
קאַפּיטאַן אוּאָרסלײַ אויך געשווומען אין אָט דעם
ראַיאָן און ער האָט אויך ווי געזען ערד, נאָר זיכער
דערין איז ער ניט געווען. אין 1930־טן יאָר בין איך
אויך דאָרט געשווומען און מיר האָט זיך אויך אויסגעדאכט,
אז דאָרט איז עפּעס ערד, נאָר אַפּ זיכער האָב איך
אויך ניט געקאָנט זאָגן.

אין 1935־טן יאָר האָבן מיר ווידער געפּרווט צו
דערזען די דאָזיקע ערד. אונדזערע אעראָפּלאַנען זײַנען
ארומגעפלויגן, געזוכט, נאָר מיר האָבן די דאָזיקע ערד
ניט געזען. אין יענעם ראַיאָן, וווּ מיר האָבן זי גע־
האָפט צו זען, האָבן געהערשט דורכויסיקע נעפּלען,
און דער לופט־פליִער באַבושקין האָט דורך די נעפּלען
גאָרניט געקאָנט דערזען. איך האָפּ, אז איך וועל נאָך
דאָרט נאָכאמאָל זײַן און איך וועל פאָרט דערזען אָט
די דזשילים־ערד.

אײַך וווּנדערט אוואדע, וואָס איך האָב נאָך ביז
איצט ניט דערציילט וועגן די ווײַסע בערן. גוט, אָט
וועל איך אײַך דערציילן.

וועגן ווײַסע בערן

ווען עס וואָלטן ניט געווען קיין ווײַסע בערן
אַפּ דער וועלט, וואָלט מען זיי געדאַרפט אויסטראכטן.

שטעלט זיך פאָר, אז מיט א פּאָליאַר־עקספּעדיציע איז געשעען עפּעס אַן אומגליק און זי איז געבליבן דאָרט איבערווינטערן.

אָט שלעפּט זי זיך מיט גרויסע שוועריקייטן. דער־נערונג ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער, מע הייבט שוין אָן טראַכטן וועגן עסן שטיוול, זוילן, רימענס. און פּלוצים באַווייזט זיך א בער.

ער פאַרמאָגט זייער אַסאַך פעטס, זייער אַסאַך פליש, זיין פעל וועט אויסגעצייכנט באַשיצן פון קעלט. און מע דאַרף אים גאָרניט זוכן, דעם בער, ער גייט אַליין צו אייך.

אָפּט פלעגט טרעפן, איך זיץ אין קאַיוטע און פּלוצים דערהער איך א שרעקלעכן טומל אַפ דער פּאַלובע. אונדזערע יעגערס האָבן דערזעען א בער און זיי האַלטן ניט אויס.

איך גיי אַרויס. איך זע: עס שפּאַנט א בער. איך בעט זיי, איך פּאַרוער זיי: „איך בעט אייך שיסט ניט", ווייל וואָס מער קאַלטבלוטיקייט און אויסגעהאַלטנקייט, אַלץ אינטערעסאַנטער איז עס. איינמאָל האָט זיך מיר איינגעגעבן איינצוהאַלטן אונדזערע יעגערס און זיי האָבן ניט אַזוי גיך געשאָסן. דער בער איז צוגעגאַנגען צו דער שיף ביז 10 מעטער. דערנאָך האָט ער בא דער שיף זיך אַביסל אויסגעקאַטשעט אין שניי, נאָכדעם האָט ער מיט דער לאַפּע פאַרשטעלט די נאָז און זיך גע־

לאָזט גייג צו אונדז. די נאָז באם בער איז דאָס איינ־ציקע שווארצע פּינטל אונ אלעס איבעריקע איז ווייַס ווי שניי, אונ דעריבער באהאלט ער די נאָז, אז מע זאָל אים ניט באמערקנ. איכ פארשטיי ניט, וואָס איז עס אזעלכעס מיטנ בער: צי ער האָט גאָר קיינ מוירע ניט, אָדער עפּעס אנדערש, נאָר וויפל בערנ איכ האָב ניט געזענ, גייענ זיי שטענדיק צו צו אייַכ אזוי נאָענט, ביז איר וועט ניט אויסשיסנ. אונ ווענ מע זאָל קאָ־נענ אייַנהאלטנ די יעגערס, אז זיי זאָלנ ניט שיסנ, ווי נאָר זיי דערזעענ דעמ בער, בינ איכ זיכער, אז דער בער וואָלט אפילע ארופגעקראָכנ אפנ אייַזברעכער.

פּאָליאר־בלומענ

אז איר טראכט וועגנ דער ארקטיק, שטעלט איר זיכ מיסטאמע פאָר, אז זי איז אנ אויסערגעוויינלעכ ווייַ־סע. אונ אזוי איז עס טאַקע. די ארקטיק איז אינגאנצנ א ווייַסע ווינטער אונ אינ פריִענ פרילינג. אָבער זומער אונ הארבסט איז די אַרקטיק שוינ גאָרניט ווייַס. בא די ראנדנ פונעם צעגייענדיקנ אייַז אונ אפנ אייַז גופע איז פאראנ זייער פיל לעבנ, טיילמאָל ווערט מענ פאָ־שעט דערשטוינט. א טייל געוויקסנ אונ שוועמלעכ בלי־ענ אפנ אייַז אונ אפנ אייַז שפּיגלענ זיכ אָפּ וווּנדער־לעכע קאָלירנ: פונ רויט ביז גרינ. טיילמאָל קוקסטו זיכ צו אונ עס ווייַזט זיכ דיר ארויס, אז מע האָט דאָ

ערשט צעשניטן א יאַם־הונט, אזא רויטקייט איז אויס־געגאָסן אפן אײַז; און אז דו גייסט צו נעענטער, נעמסט א פּראָבע פון דעם שניי און באטראכטסט אים דורכן מיקראָסקאָפּ, זעסטו ערשט, אז דאָס איז ניט קיין בלוט, נאָר קלײנינקע געוויקסן—דיאטאָמייען. דאָרט, ווו דאָס אײַז צעגייט, שפּילט עס מיט אלע פארבן. דאָס אײַז איז ווײַס בלויז דעמלט, ווען עס פארשיט אים מיט שניי, אָדער ווען עס האָט זיך ערשט אויסגעבילדעט. לויט דעם קאָליר איז דאָס אײַז זייער פארשיידן. מע באגעגנט אײַז, וואָס איז ווײַס ווי מארמער, ווי צוקער. פאראן אײַז, וואָס איז ענלעך אפ א שמאראגד, פאראן אײַז מיט א ברוינעם אָפּגלאנץ.

אין 1935־טן יאָר האָבן מיר געזען אן אײַזפעלד, וואָס האָט זיך אופגעהויבן אפ א מעטער איבער דעם אויבערפלאך פון יאַם. דאָס איז געווען א פּיליאָריק אײַזפעלד. דאָס יאַם־אײַז בילדעט זיך אויס פון געזאלצענעם וואסער און דעריבער איז דאָס אײַז געזאלצן. מיט דער צײַט פארלירט עס אלץ מער זײ זאלץ. די זאלץ לאָזט זיך אראָפּ אלץ טיפער און אין עטלעכע יאָר ארום איז שוין קיין סימען ניטאָ פון זאלץ. דאָס איז פּאָשעט א רעטונג פאר די פּאָליאר־רײַזנדע, ווײַל זיי קאָנען עס נוצן אלס טרינק־וואָסער. אפן אײַזפעלד, וואָס מיר האָבן באגעגנט, איז געווען א טײַכל און מיר האָבן פון דאָרט גענומען 220 טאָן אויסגע־

צייכנט וואסער צום טרינקענ. דער קאָליר פונעם אײַזפעלד איז געווענ א בלויער, אזא שײנער דורכזיכטיקער בלויער קאָליר, אז עס איז שווער איבערצוגעבנ. וואָס עלטער דאָס אײַזפעלד איז, אלצ בלויער איז עס.

קראָפּאָטקינס רעטעניש

נאָכ נאָוואיא זעמליא האָט זיכ דער סאמע אינטערעסאַנטער טייל פונ אונדזער רײַזע אָנגעהויבנ צווישנ דער פראנצ־יאָסיפ־ערד, צאָפנ־ערד, נאָוואיא־זעמליא אונ לענג־אויס דעמ ברעג פונ טײַמיר. דאָרט געפינט זיכ דער קארסקער יאמ. דער אויבערשטער טייל פונ קארסקער יאמ איז באזוכט געוואָרנ בלויז דורכ 4 שיפנ. די ערשטע שיפ, די שכונע „הייליקע אנא" איז אינ 1912־טנ יאָר אײַנגעקוועטשט געוואָרנ דורכ אײַזפעלדער אונ עס האָט זי געדרייפעוועט דורכנ קארסקער יאמ אינ ראַיאָנ צו צאָפנ פונ דער פראנצ־יאָסיפ־ערד. דאָס איז געווענ די ערשטע שיפ, וואָס האָט באזוכט אָט דעמ ראַיאָנ.

אינ 1930־טנ יאָר איז אהער געקומענ דער אײַזברעכער „סיעדאָוו", וועלכער האָט אפנ וועג אנטדעקט דעמ וויזע־אינדזל אונ דעמ שמידט־אינדזל. אינ 1932־טנ יאָר האָבנ נאָכ צוויי שיפנ באזוכט דעמ דאָזיקנ ראַיאָנ. די שיפ „סיביריאַקאָוו", וועלכע איז אונ־

טער דער אָנפירונג פונ אָטאָ שמידטנ דורכגעשווומענ צום ווײַטנ מיזרעכ, אונ די קלײנע שיפ „קניפּאָוויטש", וועלכע האָט ארומגעקרײַזט די פראנצ־יאָסיפ־ערד. אפ „קניפּאָוויטש" בינ איכ געווענ נאטשאַלניק פונ דער עקספּעדיציע. כוץ אָט די שיפנ איז נאָכ דאָ קײנער ניט געווענ. דער דאָזיקער ראיאָנ האָט אָבער א קאָלאָסאלנ וויסנשאַפטלעכנ אינטערעס, ווײַל ער איז די גאנצע צײַט געבליבנ א גרויסער ווײַסער פלעק אינ דער ארקטיק.

די געשיכטע פונ אָט דעמ ווײַסנ פלעק איז זײער אנ אלטע. ס'איז געווענ אמאָל א רוסישער רעוואָליוציאָנער, א גרויסער געאָגראפ מיטנ נאָמענ קראָפּאָטקינ. אָט דער קראָפּאָטקינ האָט געווענדעט די אופמערקזאמקײַט דערופ, וואָס אינ בארענצאָווער אונ קארסקער יאָמענ באגעגנט מענ יונג אײַז. קראָפּאָטקינ האָט דעמלט גע־האלטנ, אז אפ צאָפנ איז פאַראַנ עפּעס א צוימ, וועלכע לאָזט ניט דורכ קײנ אלט אײַז פונ פּאָליאר־באסײנ אינ בארענצאָווער אונ קארסקער יאמענ. אונ נאָכדעמ האָט מענ טאקע אנטדעקט די פראנצ־יאָסיפ־ערד. נאָר דאָס אלײנ האָט נאָכ ניט געלײזט די פראַגע.

נאָכדעמ, אז מע האָט אָנגעהויבנ אויספאָרשנ דעמ וועג, וואָס עס האָט דורכגעמאכט די שיפ „טאגעטהאָפ", וועלכע האָט אנטדעקט די פראנצ־יאָסיפ־ערד (די דאָזיקע שיפ האָט עס אויכ געדרײפעוועט אינײנעמ מיטנ אײַז),

אז מע האָט אָנגעהויבנ צו פאַרגלייכנ די ריכטונג פונ די ווינטנ אונ די ריכטונג פונעמ דרייפ, איז מענ דערמלט געקומענ צומ באשלוס, אז אפ מיזרעכ איז פאַראַנ עפעס, וואָס האָט געשטערט דעמ ריכטיקנ דרייפ פונ דער שיפ „טאגעטהאָפ“.

אונ אינ 1913־טנ יאָר איז טאקע אנטדעקט געוואָרנ די צאָפנ־ערד. נאָר אויכ זי האָט ניט געלייזט די פראַגע. צווישנ דער צאָפנ־ערד אונ דער פראנצ־יאָסיפ־ערד איז געבליבנ א גרויסער ברייטער דורכגוס. אונ אז מע האָט פאַנאנדערגעקליבנ דעמ דרייפ פונ דער שכונע „הייליקע אנא“, האָט דער פראָפעסאָר וויזע געהאלטנ, אז דער דאָזיקער דרייפ איז אָפגענויגט געוואָרנ דורכ עפעס אנ ערד. אונ אינ 1930־טנ יאָר האָט מענ ווירקלעכ אנטדעקט אנ אינדזל, וואָס מע האָט אימ אָנגערופנ מיטנ נאָמענ וויזע־אינדזל. נאָר דאָס איז נאָכ אויכ געווענ ווייניק: דער קליינער וויזע־אינדזל האָט ניט געקאָנט לייזנ די פראגע. אונ ערשט איצט, נאָכדעמ ווי מיר האָבנ אנטדעקט א ריזיק פלאכוואסער, וואָס ציט זיכ ביז דער 82־טער גראד פונ דער צאָפנ־ברייט מיטנ אושאקאָוו־אינדזל אינדערמיט, איז געלייזט געוואָרנ קראָפאָטקינס רעטעניש, די רעטעניש מיט די שיפנ „טאגעטהאָפ“ אונ „הייליקע אנא“. אונ אזוי איז עס טאַקע: די צאָפנ־ערד, די פראנצ־יאָסיפ־ערד אונ אָט דאָס פלאכוואסער, וואָס מיר האָבנ א נאָמענ געגעבנ „סאדקאָ“־

פלאכוואסער — זיי אלע זײַנען טאקע יענע צוימ, וואָס פארהאלט דאָס אײַז פונ פאָליאר־באסיינ.

פארוואָס פארהאלט דאָס דאָזיקע פלאכוואסער דאָס אײַז?

איידער מיר וועלנ דאָס דערקלערנ, דארפ מענ דער־ציילנ וועגנ אושאקאָוו־אינדזל, וואָס איז אָנגערופנ גע־וואָרנ מיטנ נאָמענ לעקאָוועד דעמ כאַווער אושאקאָוו, דעמ נאטשאַלניק פונ אונדזער עקספעדיציע. אלע ווייסט איר, ווי עס זעט אויס א טשערעפאכע און דער פאנצער אירער. איז אָט נעמט און לייגט אוועק די טשערעפאכע מיטנ פארקײַלעכדיקנ שפיצ ארופ, און שטעלט זיכ פאָר, אָט דאָס אלצ איז אינגאַנצנ באדעקט מיט אײַז, קיינ איינ פיצעלע ערד ניט, בלויז אײַז, און אז ערטערווײַז הייבט זיכ אופ אָט דאָס אײַז ווי אנ אראָפהענגענ־דיקער פעלדז אפ א הייכ פונ 15 מעטער און ערטער־ווײַז הייבט זיכ דאָס אײַז אופ פונ וואַסער צומ מיט פונעמ אינדזל אפ 300־200 מעטער, דעמלט וועט איר האָבנ א פאָרשטעלונג, וואָס ס'איז אזעלכעס דער אושא־קאָוו־אינדזל. אַזעלכע אינדזלענ ווערנ אָנגערופנ מיטנ נאָמענ „אײַז־היטלענ".

אז מע וועט אײַכ פארגעבנ א שריפטלעכע אַרבעט אפ צונויפשטעלנ א מאפע, איז בעט דעמלט, אז מע זאָל

אײַך לאָזן אראָפּצײכענען די מאפּע פונעם אושאקאָװ־
אינדזל. אויב איר װעט מאכן עפּעס א פעלער אין דער
צײכענונג, זאָגט, אז עס האָט זיך אָפּגעבראָכן א שטיק
אײַז. צײכנט אָבער ניט װײניקער, נאָר מערער. דער־
דאָזיקער אינדזל איז א דורכװיסיקער גלעטשער, און די
גאַנצע צײַט ברעכן זיך פון אים אָפּ אײַזבערג. אָט די
אײַזבערג פאַרקלענערן אָפּטמאָל אָדער פאַרגרעסערן
דעם אינדזל. אז די דאָזיקע „קו", װי מע רופט אָן דעם
גלעטשער, „קעלבט" זיך שלעכט, איז דער אינדזל גרע־
סער, און אויב זי „קעלבט" זיך גוט איז דער אינדזל
קלענער.

די אָפּגעשפּאלטענע אײַזבערג לאָזן זיך שװימען
אזוי לאנג ביז זײ שפּארן זיך ניט אָן אין א זאמד־
באנק, דעמלט גײען זײ אריבער אין קלאס פון סטאמו־
כעס, דאָס הײסט, זײ בלײַבן שטײן אָפּ אן אָרט.
די דאָזיקע סטאמוכעס פילן אויס די פליכטן פון אינדז־
לען: דאָס אײַז קאָן דורך זײ ניט דורכגײן, עס
פאַרהאלט זיך דאָ און גײט ניט װײַטער. אדאנק די דאָזיקע
סטאמוכעס װערט דאָ געשאַפן עפּעס ענלעכס אָפּ אן ערד.

א שטיקל אטלאנטיק

פון בײדע זײַטן „סאדקאָ־פלאכװאסער" שטראָמען
פון פאָליאר־באסײן, פון צאָפן אָפּ דאָרעם, 2 קא־

נאלנ. אײנער פונ זײ גײט ארויס אינ בארענצאװער יאמ אונ דער צװײטער גײט דורכ צװישנ „סאדקא־פלאכװאסער” אונ דער צאפנ־ערד. אונ אט האבנ מיר אינ די דאזיקע קאנאלנ געפונענ דאס זעלבע, װאס מיר האבנ ניט לאנג אויסגעפארשט אינ גרענלאנדישנ יאמ. מיר האבנ דא געפונענ אטלאנטישע באלעכאימ אונ אויכ װאסער, װאס לויטנ כימישנ באשטאנד געהערט עס צו דער אטלאנטיק. װאס װײטער מיר האבנ זיכ פארויסגערוקט אפ צאפנ, אלצ מער האבנ מיר געפילט די אטלאנטיק.

אינ אט דעמ ראיאנ האבנ מיר טאקע דערגרײכט די העכסטע ברײט, װאס עס האט װענ ס׳איז דערגרײכט אינעמ אײז־אקעאנ א שיפ, װאס װערט ניט געטראגנ פונעמ אײז, נאר װאס שװימט פרײ אינ די װאסערנ. מיר האבנ דערגרײכט 82 גראד מיט 41,6 מינוט פונ דער צאפנ־ברײט. דער יאמ איז אפנ צאפנדיקנ פונקט געװענ זײער טיפ, קימאט 2 מיט א האלבנ קילאמעטער. מיר האבנ אויסגעפארשט דעמ אקעאנ פונ סאמע אויבער־פלאכ ביזנ סאמע גרונט, מיר האבנ גענומענ מוסטערנ פונ די באלעכאימ, אונ א װוּנדערלעכע זאכ! אפ אזא טיפקײט, װוּ שטענדיק איז שטארק פינצטער אונ דער דרוק פונעמ װאסער איז דא העכער 200 אטמאספער, לעבנ פונדעסטװעגנ לעבעדיקע באשעפענישנ, זײ װערנ דא געבוירנ אונ לעבנ. ס׳איז גארניט פאראנ אזא טיפ־

קײַט אינ אָקעאנ (און די גרעסטע טיפקײַט אינ אָקעאנ האלט איבער 10 קילאָמעטער און דער דרוק פונעמ וואסער דערגרייכט דאָרט ביז 1000 אטמאָספער), ווו עס זאָלנ ניט זײַנ קיינ לעבעדיקע באשעפעניש.

אינ גרענלאנדישנ יאמ, ווו די טיפקײַט דערגרייכט ביז 3 מיט א האלבנ קילאָמעטער, האָבנ מיר ארויסגע־צויגנ פונ דער טיפקײַט וווּנדערלעכע פיאָלעטווע פיש מיט בלויע אויגנ. דאָרטנ זײַנענ אויכ געווענ רויטע בלינדע ראקעס מיט וואָנסנ, וואָס זײַנענ 3 מאָל אזוי לאנג, ווי זייער קערפער. די דאָזיקע וואָנסנ דינענ זיי אפ אָנצוטאפנ. דאָרט האָבנ מיר אויכ געפונענ ראקעס מיט שויפעלעכ אונטער דער גאָמבע, מיט וועלכע זיי צע־גראָבנ דעמ יאמ־שליימ, זוכנדיק שפײַז. די דאָזיקע אנטדעקונג אפ צאָפנ פונ קארסקער יאמ האָבנ אונדז זייער דערפרייט: ס'איז שטענדיק אנגענעמ זיכ עפעס צו דערוויסנ דער ערשטער. און אינ אָט דעמ ראיאָנ איז ביז אונדז קיינער ניט געווענ. און יעדנ טאָג האָט אנ אנדערער וויסנשאפט־טוער אנטדעקט עפעס נײַעס אינ זײַנ געביט.

די דערפאָלגנ האָבנ אונדז באפליגלט, מיר האָבנ ניט געפילט קיינ מידקײַט און ערשט דערנאָכ האָבנ מיר זיכ געכאפט, אז פיל פונ אונדז פלעגנ פיל טעג און אפילע וואָכנ שלאָפנ ניט מער, ווי צו 2־3 שאָ אינ מעסלעס.

דאָס מערקווירדיקסטע אינ אָט דער רייזע איז געווענ דאָס, וואָס מיר האָבנ דערגרייכט די הויכע ברייטנ אָנ א קאמפּ מיטנ אייז. מיר האָבנ היפּש געבלאָנקעט אינ אָט דעמ ראיאָנ. אונדזער וועג איז געווענ ענלעכ צומ וועג פונ א האָז, וואָס פּארווישט זיינע אייגענע שפּורנ. מיר האָבנ זיכ געפּלייסט צו שווימענ אינ ריינעמ וואסער. מיר האָבנ זיכ געהאלטנ באמ געזעצ, אז אינ אייז וועלנ מיר שטענדיק באווייזנ ארייננצוגיינ. אדאנק דעמ, וואָס מיר האָבנ אויסגענוצט די מעגלעכקייטנ, וואָס עס האָט אונדז אנטפּלעקט די נאטור, האָבנ מיר דערגרייכט רעקאָרדישע ברייטנ אינעמ ריינעמ וואסער. די גלייכסטע זאכ איז אויסצונוצנ די נאטור־קויכעס. מיר האָבנ ניט געשעדיקט די שיפּ אינ קאמפּ מיט די אייזפעלדער. אונדזער שיפּ „סאדקאָ" האָט זיכ אומגעקערט קיינ ארכאנגעלסק פולשטענדיק גאנצ אונ אינ עטלעכע טעג ארומ איז זי שוינ אוועק מיט פראכט קיינ שפּיצבערגענ.

מיר האָבנ ניט שלעכט געאַרבעט בעיס דער דאָזיקער עקספּעדיציע. די וויסנשאַפט־אקאדעמיע אונ די איבעריקע וויסנשאפּטלעכע אנשטאלטנ האָבנ הויכ אָפּגעשאצט אונדזער ארבעט. די סיבע פונ אונדזערע דערפאָלגנ שטעקט אָבער ניט בלויז אינ אונדזערע קענטענישנ, אינ אונדזער ארבעט, נאָר אויכ אינ דעמ, וואָס אינ קיינ שומ לאנד אינ דער וועלט, כוצ באַ אונדז, איז אומעג־

לעבן דורכצופירן אזא עקספעדיציע, און אויב מיר זאָגן, אז מיר האָבן ניט שלעכט געארבעט איז עס ניט בלויז אונדזער פארדינסט.

דאָס אלץ, וואָס מיר האָבן געטאָן, דאָס אלץ, וואָס איר טוט איצט, לערנענדיק זיך אין שול, און אלצדינג, וואָס איר וועט טאָן, ווען איר וועט זײַן גרויסע, דארף זײַן דורכגעדרונגען מיטן געדאנק, אז מיר זײַנען בירגער פונעם ראטנלאנד, אז מיט אונדז פירט אָן די פארטיי, אז מיט אונדז פירט אָן דער כאַוועֶר סטאלין.

אינהאַלט:

	זייט
צוליב וואָס פאָרשט מען דעם צאָפן?	3
מע דאַרף דערלערנען דעם סוינע	5
גאָלפשטראָם	7
דער טייך אינעם אָקעאַן	9
דער גאָלפשטראָם באַהייצט דעם גאַנצן מאַטעריק	10
אַלץ דער אַרקטיק איז וואַרעמער געוואָרן	13
דורכרייסן זיך צום צאָפן־פּאָליוס	15
צי קען מען ניט שווימען אונטערן אייז?	17
מע דאַרף אָפּנאַרן די נאַטור	20
די עקספּעדיציע פון „סאַדקאָ“	23
באַרענצבורג און אַמסטערדאַם	26
וואָס איז מיט דער דזשיליס־ערד?	30
וועגן ווייסע בערן	31
פּאָליאַר־בלומען	33
קראָפּאָטקינס רעטעניש	35
פאַרוואָס פאַרהאַלט דאָס דאָזיקע פלאַך־וואַסער דאָס אייז?	38
אַ שטיקל אַטלאַנטיק	39